# *יומן - שבת פרשת עקב, כ"ב מנחם-אב תשל"ז*

אחרי התפלה נודע על התוועדות. לעומת ההתוועדות דכ"ף מנחם-אב, הנה בהתוועדות השבת הוכנו רק שלושה ספסלים בכל צד ולימין כ"ק אד"ש הגיע הקהל עד עמוד הראשון של בית-הכנסת (כמו לפני שהרחיבו את בית-הכנסת בפעם הראשונה...), וזאת כיון שבשבת זו התקיים "ירחי כלה" בקעמפ "גן ישראל", על כן חשבו רבים שבוודאי לא תתקיים התוועדות.

נותר קהל קטן מאוד, כך שבשעת התפילה ניתן היה לשמוע את זמזומי נורות החשמל. למרות שהשליח-ציבור היה ר' [געצל] רובשקין, אשר לא ניחן בקול גבוה - נשמע קולו בכל בית-הכנסת. את אמירת המפטיר ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א שמעו בכל בית-הכנסת.

לאחר התפילה, כשנודע על ההתוועדות, החלה התרוצצות. לא הכינו מזונות ונאלצו לקחת ל'מקום סעודה' כוס יין נוסף. עבור אד"ש הביאו מזונות מחדרו ברגע האחרון. ריל"ג - איש ועד המסדר - לא היה וכן ר' דובער יוניק, ואת מקומם מילא ר' בנימין קליין. הוא הגיש לאד"ש את המים לאחר ההתוועדות.

(גם ראש החוזרים, ר"י כהן, לא היה ואנשי "ועד הנחת התמימים" עשו מאמץ מיוחד (כשאת מקומו של רי"כ מילא ר' לייבל אלטיין), להוציא-לאור את השיחות מהר יותר כדי לרוות את צימאונם של כל אלו שלא זכו להיות נוכחים בהתוועדות).

בשעה 1:30 נכנס להתוועדות. קידש על היין וטעם מהמזונות, אח"כ הוריד פרוסה ועטפה במפית, והורה להרב מרדכי מענטליק שיחלק את השאר. הרב מענטליק נתן לרש"ג והחזיר את המגש עם המזונות, ורמז לו אד"ש שיחלק לכל הקהל. המגש הורד למטה ותכף נחטפו המזונות ע"י הקהל.

אמר מאמר כעין שיחה, ד"ה "ועתה ישראל מה ה'".

אד"ש כיסה כוסו עם מפית, כיון שזבוב הסתובב סביב הכוס.

בהמשך להקושיות בפרקי-אבות, דיבר באריכות על ה"ירחי כלה" שהתקיים בשבת זו ב"גן ישראל".

בין השאר, הפליא את המעלה בדבר שעושים "ירחי כלה" בין ילדים קטנים, הבל שאין בו חטא. גם אמר, שאלו שאינם נמצאים כאן בהתוועדות - הרי אצלם "לפום צערא אגרא"; לפי גודל צערם מאי-היותם בהתוועדות כן הוא גודל שכרם וכו'.

גם אמר, שבהשגחה-פרטית לא שאלו אתמול אם תהיה התוועדות (כי אז היה עונה בחיוב ואפילו אם היה מצווה לנסוע לא היו שומעים בקולו...), אלא אם לנסוע ל"ירחי כלה", ואמר "מ'זאל פארן געזונטערהייט, און ס'זאל זיין בהצלחה רבה".

אחרי מנחה התחיל לנגן "ניעט ניעט ניקאַווא".

וואס אין דעם פרק איז דא א משנה וואס לויט חלוקת המשניות פון דעם אלטן רבי'ן בסידורו איז דאס איין משנה.

וכמדובר כמ"פ אז ס'זיינען דא כמה אופנים אין חלוקת המשניות פון אבות, און דער אלטער רבי האט מעתיק געווען די גירסא הנכונה וכו' - איז אין משנה כא ברענגט ער צוויי בבות וואס לויט אנדערע נוסחאות זיינען זיי צוויי באזונדערע משניות, און אעפ"כ איז זיי דער אלטער רבי כולל אין איין משנה.

וואס דאס איז די משנה "בן הא הא אומר הפך בה והפך בה דכולא בה וכו' שאין לך מדה טובה הימנה. בן בג בג אומר לפום צערא אגרא".

וואס לכאו' זיינען דאס צוויי באזונדערע ענינים: "הפך בה והפך בה וכו'", און "לפום צערא אגרא"; און אעפ"כ איז זיי דער אלטער רבי כולל אין איין משנה?

נאכמער: די ערשטע בבא רעדט דאך וועגן לימוד התורה, ווארום דוקא אין תורה איז שייך צו זאגן "הפך בה כו' דכולא בה", ווארום "ארוכה מארץ מדה גו'", משא"כ בנוגע צו מצוות וואס אויף דערויף זאגט מען "לא תוסיפו", און "לפום צערא אגרא" איז שייך בעיקר ביי מצוות און ניט ביי תורה,

ווארום וויבאלד אז א איד איז "עם חכם ונבון", האט ער דאך א געשמאק אין לימוד התורה וואס "היא חכמתכם ובינתכם", במילא איז ניט שייך ס'זאל דארטן זיין דער ענין פון צער, ואפי' אויב ס'איז דא צער הגוף איז דאס ניט תופס מקום וכו';

משא"כ בנוגע מצוות וואס זייער קיום דארף זיין אין אן אופן פון <u>חוקים</u> וכו', איז דארטן שייך דער ענין פון צער, ווארום ביי "עם חכם ונבון" איז דער גרעסטער צער צו טאן אן ענין וואס איז ניט ע"פ שכל.

וואס לפי"ז קומט אויס אז די צווייטע בבא קען גאר ניט זיין אין איין משנה מיט דער ערשטער, ווארום די צווייטע בבא רעדט דאך <u>גאר</u> וועגן קיום המצוות און ניט וועגן לימוד התורה - און אעפ"כ איז זיי דער אלטער רבי כולל צוזאמען.

עד"ז איז פאראן במשנה זו דער דיוק הידוע: דער גאנצער פרק, און די משניות שלפני ושלאחרי משנה זו זיינען אלע בלשון הקודש, און דוקא די משנה איז בלשון ארמי?

וכפי שיתבאר לקמן.

לו. מ'האט דאך גערעדט וועגן דעם וואס די משנה זאגט "הפך בה <u>דכולא</u> בה" - וואס דאס איז פארבונדן מיט די "מסכת <u>דכלה</u>" וואס מ'האט געלערנט אין "ירחי כלה", ווארום איינע פון די

- פירושים -

פירושים אין "מסכת דכלה" איז, אז דאס איז כולל אלע איבעריקע מסכתות, אע"פ וואס דעמולט לערנט מען נאר איין מסכה, אבער אעפ"כ איז "כולא בה".

און ווי דער רשב"ם איז מבאר אין ב"ב (קכז, ב ד"ה מהדו"ב) אז ס'איז געווען די צוויי חדשים פון "ירחי כלה" אין חודש ניסן און אין חודש תשרי, וואס אין יעדן חודש האט מען געלערנט איין מסכת, וואס דערפאר איז געווען די מהדו"ק פון ש"ס במשך פון דרייסיג יאר, ווארום בכל שנה לערנט מען צוויי מסכתות, און ס'זיינען דא זעכציג מסכתות, און דערנאך איז געווען די מהדו"ב פון ש"ס, וואס דאס האט גענומען נאך דרייסיג יאר.

וואס דערפאר קומט א יישר כח צו די וואס זיינען געפארן אין "גן ישראל" אויף די "ירחי כלה", ועד"ז צו די וואס לערנען תורה בכל העולם כולו.

וואס אע"פ אז מ'געפינט זיך בריחוק מקום גשמי פון דעם ארט, און זיי וועט פארדריסן וואס זיי זיינען ניט געווען בי די התוועדות, ווארום וויבאלד אז זיי קאכן זיך דאך אין תורה, איז פארשטאנדיק אז ביי זיי וועט זיין צער דערפון וואס זיי זיינען ניט דא געווען - זאגט מען אויף דערויף "לפום צערא אגרא", אז וואס גרעסער דער צער איז, אלץ גרעסער איז דער שכר וואס קומט אויף דערויף.

וואס דער ענין השכר איז דאך "שכר מצוה מצוה" (אבות פ"ד מ"ב), אז די עצם מצוה גופא איז דער שכר, וואס דער ענין פון א מצוה איז דאך, אז דורך דעם ווערט דער ענין פון צוותא וחיבור מיטן אויבערשטן (לקו"ת בחוקותי מה, ג. ועוד). וגדול זכותם פון די וואס טוען אין הפצת המעיינות מחוץ לעיר.

ובפרט אז מ'געפינט זיך דארטן צוזאמען מיט די קינדער, וואס ביי זיי איז דא דער לימוד התורה אין אן אופן פון "הבל שאין בו חטא" (שבת קיט, ב).

וואס דארטן דארף מען דאך זיין אין יענעם מקום גשמי, ווארום די קינדער דארפן זעהן אז מ'געפינט זיך דארטן, און די ערוואקסענע דארפן אויך זעהן אז מ'געפינט זיך דארטן.

ובפרט אז מסתמא וועט מען זיי איבערגעבן די ענינים וואס האבן זיך דא גערעדט, און ביי זיי וועט דאס זיין מיט א גרעסערע חביבות, וויבאלד אז זיי זיינען דא ניט געווען.

און דערפאר האט מען מזרז געווען בע"ש אז מ'זאל אהינצו פארן, מצד דעם גודל הענין שבזה.

ובהשגח"פ האט מען ניט געפרעגט צי ס'וועט זיין א התוועדות בשבת (וואס איך האב מורא געהאט טאמער וועט מען

- דאס -

דאס פרעגן, וואס דעמולט איז אפי׳ אז מ׳וואלט געהייסן פארן וואלט מען מסתמא אויך ניט געפאלגט), נאר מ׳האט געפרעגט אז אזוי ווי מ׳וויל פארן אהינצו, נאר מ׳טראכט איבער צי פארן צי ניט פארן - האב איך גלייך פארכאפט און געזאגט אז מ׳זאל פארן געזונטער-הייד, און ס׳וועט זיין בהצלחה רבה - און ס׳וועט טאקע זיין בהצלחה רבה.

און פון דער משנה קומט מען צו דער משנה שלאח"ז - וואס סדר אין תורה איז דאך אויך תורה - "בן חמש שנים למקרא כו׳", וואס דעמולט איז ער נאך ניט שייך צו דעם ענין פון "הפך בה והפך בה דכולא בה", און דערנאך גייט ער מדרגא לדרגא, ביז וואנעט אז ער קומט צו "בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם", כידוע דער פי׳ בזה (ראה לקו"ש ח"א ע׳ 26), אז די אלע העלמות והסתרים פון וועלט ווערן בטל (הסר הסיום).

* * *

### לז. דער ביאור אין פרש"י:

דאס וואס רש"י ברייננגט דעם פסוק "לך נחה את העם", און ער ברייננגט ניט דעם פסוק "לך עלה מזה אתה והעם גו׳" וואס רעדט וועגן עלי׳ לארץ. וואס דאס איז מער מתאים צו אונזער פסוק וואס רעדט אויך וועגן עלי׳ לארץ.

ובפרט אז מ׳געפינט אז לאהרי חטא המרגלים האט דער אויבערשטער אנגעזאגט "כי תבואו אל ארץ מושבותיכם גו׳" וועט דעמולט זיין דער ענין הקרבנות (שלח טו, ב), און רש"י זאגט "בישר להם שיכנסו לארץ", איז עד"ז אויך דא, אז אע"פ אז ס׳איז געווען דער ענין החטא, האט אבער דער אויבערשטער געזאגט "לך למסע גו׳ וירשו את הארץ", ולפי"ז האט רש"י געדארפט ברייננגען דעם פסוק -

איז דאס מובן דערפון וואס רש"י איז מדגיש דעםווארט "<u>אלי</u>", ועד"ז בפירושו "אמר <u>לי</u>" (דלכאו׳ אינו מובן פארוואס שטייט "אלי", כנ"ל). והביאור בזה:

ס׳איז דא דער אופן ווי ס׳שטייט אין פ׳ דברים (א, כב) "ותקרבון אלי כולכם", ווי רש"י טייטשט אפ אז דאס איז געווען "בערבוביא, ילדים דוחפין את הזקנים וכו׳", וואס די הנהגה איז געווען שלא כרצון משה (און דערפאר איז דערפון ארויסגעקומען אן ענין בלתי רצוי);

און דא איז מען מדגיש "ויאמר ה׳ <u>אלי</u>", "אמר <u>לי</u> לך נחה את העם" - אז די הנהגה איז אין אן אופן אז משה רבינו שטייט בראש און ער איז מנהיג אלע אידן. און דערפאר איז דא מודגש דער ווארט "אלי". און ס׳שטייט "לך נחה את העם", ניט אזוי ווי אין פ׳ תשא (לג, א) וואס דארטן שטייט "לך עלה מזה אתה והעם", אז ער מיטן עם שטייען צוזאמען, נאר אין אן

- אופן -